בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון מ"א

פרשת ויחי שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, שְׁנַת תשפ"ג - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א



**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיךְ אַייךְ אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, פַאר דִי מְחַנְּכִים, אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

### פַאַרְוָואס דַארְף מֶען אַ שׁוּלֶע?

אִיךְ וִויל גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים, זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְפְרִישְׁן, מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס אוּנְזֶער צִיל אִיז; מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען פַאַרְוָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסְדוֹת אוּן וָואס מִיר ווִילְן אוֹיפְטוּן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. מִיר וֶועלְן רֶעדְן סַיי פוּן דִי חֵדֶר אוּן סַיי פוּן דִי שׁוּלֶע.

אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן מִיט דִי שׁוּלֶע. בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּלֶע, אַ שׁוּלֶע אִיז אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, עֶס אִיז אַ נֵייעֶ זַאךְ, פַארְ'ן קְרִיג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּלֶע'ס פַאר מֵיידְלֶעךְ! וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דָא אִיז אַ נֵייעֶ וֶועלְט, עֶס אִיז דָא שׁוּלֶע'ס פַאר מֵיידְלֶעךְ, הָאט עֶר גֶעפַּאסְט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן אוֹיבּ עֶר זָאל דָאס אוֹיךְ מַאכְן, בִּיז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא דַארְף מֶען טַאקֶע מַאכְן אַ שׁוּלֶע. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר אִיז מְשַׁנֶּה פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אַז מֶען מַאכְט שׁוֹין יָא אַ שׁוּלֶע, קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט סְתָּם אַרַיין זֶעצְן אַ לֶערֶערִין מִיט קִינְדֶער אוּן גָארְנִישְׁט טוּן, וַוייל אַז מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן חוּצְפָּה, דֶערְפַאר שְׁטֶעלְט מֶען אוֹיס אַ סֵדֶר פַאר יֶעדֶע יָארְגַאנְג וָואס מֶען זָאל טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז דִי לִימּוּדִים זֶענֶען נִישְׁט דֶער עִיקָר, אוּן אֲפִילוּ אַ קִינְד וֶועט גָארְנִישְׁט מִיט לֶערְנֶען וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען.

מֶען קֶען נִישְׁט מֶעסְטְן אַ קִינְד לוֹיט וִויפִיל זִי הַאלְט מִיט אִין קְלַאס, אַז אִין דֶעם זָאל זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען צִי זִי אִיז אַ גוּט קִינְד אָדֶער נִישְׁט; מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ גוּטֶע קִינְד אוֹיבּ מֶען הַאלְט מִיט דִי לִימּוּדִים אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ שְׁוַואכֶע קִינְד אוֹיבּ מֶען הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי לִימּוּדִים.

דָאס דַארְף זִיךְ דִי לֶערֶערִין גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ 'אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶעסְטְן דִי קִינְדֶער לוֹיט וִויפִיל זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן אוּן הַאלְטְן מִיט וָואס אִיךְ רֶעד', - חַס וְשָׁלוֹם! אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶּער.

### אַרַיינְלֵייגְן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער

דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אִיז זַאכְן וָואס וֶועט בְּלַייבְּן אִין זֵיי פַאר זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אֱמוּנָה, מִידּוֹת טוֹבוֹת אוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז אִין אוּנְזֶער שׁוּלֶע זָאל מֶען אַיינְטֵיילְן אַז דִי לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען הַשְׁקָפָה, נָבִיא אוּן פִּרְקֵי אָבוֹת, זָאלְן רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען לִמּוּדֵי חוֹל, קְוִויקְבּוּקְס, חֶשְׁבּוֹנוֹת, נֵייעֶן אוּן קָאכְן, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חַס וְשָׁלוֹם! אַוַודַאי טֵיילְט מֶען אַיין דֶעם טָאג מִיט פַארְשִׁידֶענֶע לִימּוּדִים אוּן עֶטְלִיכֶע לֶערֶערִינְס, דִי לֶערֶערִין לֶערְנְט דֶעם לִימּוּד אוּן דִי לֶערֶערִין לֶערְנְט אַן אַנְדֶערֶע לִימּוּד, אָבֶּער אַלֶע לֶערֶערִינְס דַארְפְן אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה.

וָואס מֵיינְט אֱמוּנָה? - אֱמוּנָה אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי; עֶס אִיז דָא אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז דָא 'אֱמוּנָה אִין אַ צַדִּיק', נָאכְדֶעם אִיז דָא 'אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלֵיינְ'ס'; אוּן אִין קִינְדֶער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אַרַיין לֵייגְן 'אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלֵיינְ'ס', כְּדֵי זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט גֵייסְטִישׁ, זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן דוֹרוֹת גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

### הַלְוַואי קוּמְט עֶר נִישְׁט אִין חֵדֶר

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס לֵייגְן אַרָאפּ זֵייעֶר קָאפּ בִּשְׁעַתְ'ן לֶערְנֶען אוּן הַאלְטְן גָארְנִישְׁט מִיט, אוּן זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גָארְנִישְׁט, אָדֶער אוֹיף אַ קִינְד וָואס מֶען קֶען זִיךְ מִיט אִים נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, אַז 'הַלְוַואי קוּמְט נִישְׁט דֶער קִינְד הַיינְט אִין חֵדֶר...' - אוֹיבּ מֶען זָאגְט דָאס אוֹיף אַ קִינְד, דֶעמָאלְט זָאג אִיךְ פַאר דֶעם מְלַמֵּד: **"הַלְוַואי קוּמְסְטוּ נִישְׁט!"** וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיפְגֶענוּמֶען טַאקֶע נָאר פַאר דֶעם קִינְד, דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס הֶערְן יָא אוֹיס, זֵיי דַארְפְן דִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, זֵיי קֶענֶען אָנְגֵיין אָנֶעם מְלַמֵּד, דֶער עִיקָר נֶעמְט מֶען אוֹיף אַ מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שְׁוֶוער אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי אַן עֵצָה גֶעבְּן.

אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי מְלַמְּדִים: דֶער אִינְגְל וָואס לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, עֶר אִיז אֵייבִּיג צַייטְלִיךְ, אוּן אִיז מַמָּשׁ אַ גָאלְדֶן קִינְד - עֶר וָואלְט אָן דִיר אוֹיךְ אַלֶעס גֶעטוּן! זַיינֶע מַעֲלוֹת הָאבְּן גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִיר, דוּ קֶענְסְט אַהֵיים גֵיין אוּן דֶער קִינְד גֵייט וַוייטֶער קוּמֶען צַייטְלִיךְ אוּן לֶערְנֶען אַלֵיינְס; נָאר דֶער אִינְגְל וָואס

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים אַן עֵצָה גֶעבְּן, עֶר אִיז אַ 'גָארְנִישְׁט'... - לָאמִיר זֶען וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן מִיט אִים אוֹיפְטוּן, לָאמִיר זֶען צִי דוּ קֶענְסְט אַרַיין גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ חַיוּת אִין דֶעם קִינְד!

## וָואס בַּארֶעדְסְטוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער?!

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְלַמֵד אִין כִּתָּה ט' הָאט מִיר דֶער כִּתָּה ח' מְלַמֵד גֶערוּפְן אָנְהֵייבּ יָאר אִין אַ זַייט אוּן דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם לִיסְטֶע מִיט אַלֶע נֶעמֶען, אוֹיף יֶעדֶע אִינְגְל הָאט עֶר גֶעזָאגְט זַיין מֵיינוּנְג, **"דֶער אִינְגל אִיז מַמָשׁ דֶער מְצוּיָן", "דֶער אִינְגְל אִיז פֵיין", "דֶער אִינְגְל אִיז אַ שְׁטִיקְל פוּרְנִיטְשֶׁער (מֶעבְּל)", "דֶעם אִינְגְל זָאלְסְטוּ לָאזְן אִין דִי זַייט, וֶוען עֶר קוּמְט - קוּמְט עֶר, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט נִישְׁט אִיז נָאךְ בֶּעסֶער..."** - בִּשְׁעַת עֶר רֶעדְט צוּ מִיר טְרַאכְט אִיךְ צוּ זִיךְ: 'אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָאר, וֶוען דִי קִינְדֶער וָואלְטְן גֶעוֶוען דַיינֶע קִינְדֶער וָואלְסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי גֶערֶעדְט צוּ דֶעם נֵייעֶם רֶבִּי? וָואס בַּארֶעדְסְטוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער?!' - אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז דַוְקָא מִיט דִי קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן מַיינֶע תַּלְמִידִים, דִי אַלֶע נֶעמֶען וָואס מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען דִי פוּרְנִיטְשֶׁער אוּן דִי בֶּענְקְלֶעךְ פוּן דִי קְלַאס, מִיט זֵיי הָאבּ אִיךְ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז בַּיי אוּנְז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן אִין בֵּית פֵיגָא זָאל זַיין אַזַא זַאךְ; אוּן וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִי מְלַמְדִים פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג רֶעד אִיךְ צוּ אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוֹסְדוֹת, פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין שְׁטֶעטְל, אִין קִרְיַת יוֹאֵל, אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אִין טְבֶרְיָה. עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן זָאגְן אוֹיף אַ קִינְד: **"אִים לָאז אִין דִי זַייט!"** - אַז דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זָאגְן פַאר אַנְדֶערְן מְלַמֵד: **"מַיינֶע לִימוּדִים הָאט עֶר נִישְׁט מִיט גֶעהַאלְטְן, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ אִים אוּן דוּ וֶועסְט אִים יָא קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן"**.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין שׁוּלֶע, דִי אָפִּיס קֶען נִישְׁט זָאגְן פָארְאוֹיס פַאר אַ לֶערֶערִין: **"דִי תַּלְמִידָה זָאלְסְטוּ לָאזְן אִין דִי זַייט, עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן"**, פַארְוָואס זָאל מֶען דָאס זָאגְן?! מֶען קֶען זָאגְן: **"דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִין הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט אִיר, אֶפְשָׁר בַּיים נֵייעֶן וְכַדוֹמֶה וֶועט זִי זַיין גָאר סְפֶּעצִיעֶל!"**

## מַאךְ עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר אַלֶע

## קִינְדֶער

אוֹיבּ דֶער פִּרְקֵי אָבוֹת שִׁיעוּר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר דֶעם קִינְד אוֹיסְצוּהֶערְן, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן מִיט דֶעם קִינְד, קֶען זַיין בַּיים נֵייעֶן וֶועט זִי זַיין גָאר סְפֶּעצִיעֶל, קֶען זַיין בַּיים טַאנְצְן וֶועט זִי זַיין גָאר סְפֶּעצִיעֶל.

וָואס מֵיינְט דֶער אוֹיסְדְרוּק: **"דֶער קִינְד לֵייג אִין דִי זַייט!"** - - אֶפְשָׁר גֵייסְטוּ אִין דִי זַייט?!

אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר פָארִיגֶע וָואךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי פִילְט אוֹיף גֶעווִיסֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דֶעם לִימוּד וָואס זִי לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער, זִי פְרֶעגְט מִיר צִי זִי קֶען זָאגְן אִין קְלַאס: **"וֶוער עֶס ווִיל קוּמֶען זָאל קוּמֶען אוּן וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט קוּמֶען זָאל אַהֵיימְגֵיין!"** הָאבּ אִיךְ אִיר צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן: **"נֵיין! נֵיין!"**

דֶער נוֹסָח: **"וֶוער עֶס ווִיל קוּמֶען זָאל קוּמֶען אוּן וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט קוּמֶען זָאל אַהֵיימְגֵיין!"** - וָואלְט אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ גֶעזָאגְט פַאר אַ מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין וָואס גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט דִי שְׁוֶוערֶע תַּלְמִידִים, אִיךְ וָואלְט אִים גֶעזָאגְט: אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער קֶענְסְטוּ אַהֵיים גֵיין, אִיךְ בַּאצְווִינְג דִיר נִישְׁט צוּ זַיין דָא מְלַמֵד, אַז דוּ גֵייסְט אַהֵיים וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אוּן קֵיינֶער וֶועט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט בֶּענְקֶען נָאךְ דִיר... אִיךְ הָאבּ דִיךְ סְפֶּעצִיעֶל גֶענוּמֶען פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיט צוּ הַאלְטְן דִי לִימוּדִים, דוּ קֶענְסְט זֵיי מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי לִימוּדִים?! - אוֹיבּ יָא, אִיז זֵייעֶר גוּט, כָּל הַכָּבוֹד; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְט - אִיז נִישְׁט, אִיךְ קֶען אוֹיךְ נִישְׁט אַלֶעס בַּאוַוייזְן.

אַ לֶערֶערִין וָואס קֶען נִישְׁט בַּאוַוייזְן אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אַן אִינְטֶערֶעסֶע אִין אַלֶע אִירֶע תַּלְמִידִים צוּ דֶעם לִימוּד וָואס זִי לֶערְנְט, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אָבֶער דֶער צוּגַאנְג פוּן אָפְּסְטֶעמְפְּלֶען אַ קִינְד אַז זִי הַאלְט נִישְׁט בַּיי גָארְנִישְׁט, דָאס טָאר נִישְׁט זַיין.

## בַּאקוּמֶען אַטֶענְשָׁאן פוּן דִי קִינְדֶער

פוּן וואוּ וֵוייסְטוּ אַז דֶער קִינְד הַאלְט נִישְׁט בַּיי גָארְנִישְׁט? וַוייל עֶר שְׁמֵייכְלְט נִישְׁט צוּ דִיר?!... - מֶען הָאט נִישְׁט גֶעעֶפְנְט אַ מוֹסָד כְּדֵי דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן בַּאקוּמֶען אַטֶענְשָׁאן פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען זָאל בַּאטְרַאכְטְן דִי קִינְדֶער וֶועלְכֶע קִינְדֶער הַאלְטְן פוּנֶעם מְלַמֵד אוּן וֶועלְכֶע נִישְׁט, וֶועלְכֶע קִינְדֶער זֶענֶען מַיינֶע חֲסִידִים אוּן וֶועלְכֶע נִישְׁט... אָךְ אוּן וֵויי אִיז מִיר אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער סִיבָּה פוּן אַ לֶערֶערִין פַארְוָואס זִי קוּמְט אִין שׁוּלֶע, צוּ בַּאקוּמֶען אַטֶענְשָׁאן פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן 'זִי הָאט מִיךְ יָא לִיבּ וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶער גֶעהֶערְט שְׁטִילֶערְהֵייט ווִי זִי זָאגְט אַז אִיךְ בִּין קְיוּט' אוּן 'זִי הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ', וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין דַארְף צוּקוּמֶען צוּ דִי כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער.

## מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן קַיין חִידוּשִׁים!

אַ מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין דַארְפְן טְרַאכְטְן: 'אִיךְ קוּם לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ קוּם לֶערְנֶען מִיט זֵיי הֲלָכוֹת, אִיךְ קוּם לֶערְנֶען מִיט זֵיי אֱמוּנָה, אִיךְ קוּם לֶערְנֶען מִיט זֵיי כִּיבּוּד אָב וָאֵם'.

אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן אַלֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס מֶען זָאל יֶעדְן טָאג רֶעדְן אַבִּיסְל פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם'.

ווִיפִיל מֶען רֶעדְט פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט גֶענוּג; אַסַאךְ מָאל מֵיינְט מֶען אַז מֶען דַארְף זָאגְן חִידוּשִׁים אוּן אַזוֹי ווִי מֶען הָאט דָאךְ נִישְׁט אֵייבִּיג קַיין חִידוּשִׁים רֶעדְט מֶען נִישְׁט דֶערְפוּן, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חִידוּשִׁים, נָאר מֶען זָאגְט אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ מַאמֶע"**, יֶעדֶע לֶערֶערִין דַארְף רֶעדְן לוֹיט דִי שְׁפְּרַאךְ אוּן פַארְשְׁטַאנְד פוּן אִיר יָארְגַאנְג, צוּ גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאגְט מֶען: **"מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן 'נֵיין' פַאר אַ מַאמֶע", "אַ מַאמֶע טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ בֵּייגְן"**.

## ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער?

אוֹיבּ מֶען רֶעדְט פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם', לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן אַ מוֹסָד! אוֹיבּ מֶען רֶעדְט פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטֶע קִינְד, לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן אַ מוֹסָד! אוֹיבּ מֶען גֶעדֶענְקְט צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדֶעס קִינְד אַ גוּט וָוארְט לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן אַ מוֹסָד!

גוּטֶע וֶוערְטֶער מֵיינְט אַז מֶען הָאט לִיבּ דָאס קִינְד, מֶען טְרַאכְט גוּטְס אוֹיף דֶעם קִינְד, מֶען הֵייבְּט אָן הַאלְטְן פוּן דֶעם קִינְד אוּן מֶען זָאגְט פַאר'ן קִינְד: **"אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּער גֶענוּמֶען פוּן דִי זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט!"**

מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין פַאלְשֶׁע גֶעמַאכְטֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶס זֶענֶען דָא אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וָואס גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער

אָבֶּער נִישְׁט קַיין אֱמֶתְ׳עֶ - דָאס מַאכְט פַּארְאִיבְּלְט, עֶס מַאכְט בְּרֶעכְן. אִיךְ מוּז דָאס זָאגְן, אוּן אִיךְ הָאף אַז קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט פוּן דֶעם אַז אִיךְ זָאג עֶס בָּרַבִּים, אִיךְ רֶעד וָואס אִיךְ דַארְף רֶעדְן; אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּן קִינְדֶער, קִינְדֶער שְׁרַייבְּן מִיר אַלֶעס, מֶען שְׁרַייבְּט מִיר דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען זָאגְט זֵיי, זֵיי אַלֵיינְס שְׁרַייבְּן מִיר ווִי פַאלְשׁ דָאס אִיז. פַּאלְשֶׁע גוּטֶע וֶוערְטֶער טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, וַוייל אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ דָאס קִינְד אוּן דוּ שְׁטוּפְּסְט זִיךְ סְתַּם אַרוֹיס צוּ זָאגְן אַ וָוארְט אוֹיף אַ קִינְד אִיז דָאס גָארְנִישְׁט וֶוערְד.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער? - נָאר אוֹיבּ מֶען הַאלְט בֶּאֱמֶת פוּן דֶעם קִינְד מִיט דֶעם זַאךְ אִין וָואס עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, אוּן מֶען זָאגְט אִים עֶס מִיט אַן אֱמֶת. מֶען זָאגְט פַאר׳ן קִינְד: **"אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּער גֶענוּמֶען פוּן דִי זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט!"** - אוּן אִיךְ בִּין טַאקֶע אִיבֶּער גֶענוּמֶען דֶערְפוּן! אֵיינֶער אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אַז עֶר קִישְׁט אַלְץ דִי מְזוּזָה, אֵיינֶער אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אַז עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן בַּיי מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען דָא מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין צְנִיעוּת.

אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ אַ קִינְד וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ קְלֵייד וָואס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן בַּיי דִי הַאלְז, אָדֶער גֵייט מִיט הָאר בִּיז צוּ דִי עֶרְד, אוּן זָאגְן: **"דוּ בִּיסְט זֵייעֶר שֵׁיין צְנִיעוּת׳דִיג!"** **"דַיין הָאר אִיז אַזוֹי צְנִיעוּת׳דִיג!"** דָאס קִינְד אַלֵיינְס וֵוייסְט דָאךְ אַז זִי דַארְף זִיךְ פַּארְרֶעכְטְן, נָאר עֶס אִיז אִיר יֶעצְט שְׁוֶוער. עֶנְדֶערְשׁ זוּךְ אַ אֱמֶתְ׳עֶ שֵׁיינֶע זַאךְ אוֹיפְ׳ן קִינְד, עֶס אִיז זִיכֶער דָא אוֹיף יֶעדֶעס קִינְד זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן.

## אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָא אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְף טְרַאכְטְן: 'פַּארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען דָא? אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָא אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער', ווִי אַזוֹי בּוֹיט מֶען אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער? דוּרְךְ זוּכְן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם עֶפֶּעס גוּטְס, אוּן אִיךְ גֵיי גֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אֱמֶת׳דִיגֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער.

עֶס פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיינְס אַז מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט קִינְדֶער אוּן זֵיי זָאגְן נָאכְאַמָאל: **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, וַוייל דִי קִינְדֶער וֶועלְן וֶוערְן חוּצְפָּה׳דִיג, טֵיילְט מֶען אַיין דֶעם טָאג, מֶען דַאוֶוענְט אַבִּיסְל אוּן מֶען זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִים, מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל פִּרְקֵי אָבוֹת, אַבִּיסְל נָבִיא, מֶען לֶערְנְט אִידִישׁ אוּן עֶנְגְלִישׁ, שְׁרַייבְּן אוּן רֶעכֶענֶען, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט פַּארְגֶעסְן דֶער עִיקָר נְקוּדָה פוּן דִי שׁוּלֶע, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פָּאבְּלִיק סְקוּל, פַּארְוָואס דַארְף מֶען בִּכְלַל דִי גַאנְצֶע שׁוּלֶע? עֶס אִיז נָאר גֶעמַאכְט אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ קוּמֶען בִּיז זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן אוּן חֲתוּנָּה הָאבְּן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען מַאכְט חֲתוּנָּה דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גוּט, יוּנְג אוּן רֵיין, דָאס בֶּעסְטֶע וָואס קֶען זַיין, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען לֶערְנְט, אוּן זֵיי קֶענֶען עֶס נִישְׁט אַרָאפּ שְׁרַייבְּן פּוּנְקְטְלִיךְ, דֶער עִיקָר אִיז אַז עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין זֵיי אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט, דִי אִיבְּרִיגֶע לִימוּדִים, אֲפִילוּ פַּרְשָׁה - אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אוֹיבּ אַ קִינְד כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף.

מֵיינְט נִישְׁט אַז אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אֵיין גוּט וָוארְט פַאר קִינְד גֵייט עֶר וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט... מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבּוֹיט פוּן אֵיין גוּט וָוארְט; אִיךְ זִיץ מִיט בָּחוּרִים לַאנְגֶע יָארְן, אִיךְ גֶעבּ זֵיי אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבּוֹיט; וַוייל אַרַיין צוּ גֶעבְּן אַ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט אִין אַ מֶענְטְשׁ גֶעדוֹיעֶרְט יָארְן יָארְן, מֶען דַארְף אָבֶּער טוּן צוּבִּיסְלֶעךְ; יֶעדֶעס יָאר וֶוערְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְגֶעבּוֹיט מֶער אוּן מֶער.

## קַיין אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט מִיךְ אָפְּצוּטוּן!

אוֹיף אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן, עֶס זָאל זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה. אוֹיבּ דֶער מְלַמֵד רֶעדְט פוּן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג דֶעמָאלְט אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ; מֶען דַארְף רֶעדְן דֶערְפוּן.

מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ מֵיינְט חוּצְפָּה, אוֹיבּ אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער וֶוען דֶער מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין רֶעדְט, מֵיינְט עֶס נִישְׁט אַז דָאס קִינְד זוּכְט אָפְּצוּטוּן דֶעם מְלַמֵד. אוֹיבּ אַ מְלַמֵד זֶעט אַז עֶר וֶוערְט נֶערְוֶועז אוּן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער, דַארְף עֶר נָאכְאַמָאל אִיבֶּער חַזֶרְ׳ן דִי יְסוֹדוֹת פוּן זַיין אַ מְלַמֵד; אֵיינֶע פוּן דִי הוֹיפְּט יְסוֹדוֹת פוּן זַיין אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין אִיז, מֶען זָאל ווִיסְן אַז **"קַיין אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט מִיךְ אָפְּצוּטוּן"**, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ קִינְד זָאל קוּמֶען אִין חֵדֶר אָדֶער אִין שׁוּלֶע מִיךְ אָפְּצוּטוּן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ בָּחוּר זָאל קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה מִיךְ אָפְּצוּטוּן!

מֶען דַארְף דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען; עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד! אוֹיבּ פָאלְגְט עֶר מִיךְ נִישְׁט אוּן עֶר לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער, וִויל עֶר מִיךְ נִישְׁט אָפְּטוּן, אֵיי פַּארְוָואס לַאכְט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער? - עֶס קֶען זַיין צוּלִיבּ עֶטְלִיכֶע סִיבּוֹת, עֶס קֶען זַיין אַז עֶר דַארְף אַטֶענְשָׁאן אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, עֶס קֶען זַיין אַז עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּט, אָדֶער בַּאדֶערְט אִים עֶפֶּעס, אָדֶער קֶען זַיין אַז עֶר אִיז פָּשׁוּט נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט מֶען זָאל אִים זָאגְן וָואס צוּ טוּן, דָא אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע פְּלַאץ וָואס מֶען זָאגְט וָואס צוּ טוּן, קֵיינֶער הָאט אִים נָאכְנִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען, וֶועל אִיךְ אִים נָאכְאַמָאל זָאגְן אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן, בִּיז עֶס וֶועט אַרַיין גֵיין אִין אִים, אוּן אִיךְ וֶועל זוּכְן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס אִים אוֹיסְצוּרִימֶען.

ווִילַאנְג אַ מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין טְרַאכְט אַז 'דִי צְוֵויי קִינְדֶער לַאכְן זִיךְ אַלְץ אוּנְטֶער פוּן מִיר', אִיז דָאס דֶער פְּרָאבְּלֶעם פוּנֶעם מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין אַז זֵיי רֶעדְן זִיךְ דָאס אַיין, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ. דָאס אִיז קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ! אוּן אִין דֶעם אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צְוִוישְׁן אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ, גְרוֹיס אוּן קְלֵיין, קַיין אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט אִין חֵדֶר מִיךְ אָפְּצוּטוּן.

מֶען מוּז זֶען עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער מֶען טָאר עֶס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען אַלְס אַ פְּרִיוַואטֶע קְרִיג, כְּאִילוּ דִי קִינְדֶער וִוילְן מִיךְ טְשֶׁעפֶּען. נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיבּ מֶען זָאגְט: **"יֶעדֶער נֶעמְט אַרוֹיס דִי בִּיכֶער"**, אוּן אֵיינֶער בְּלַייבְּט קְלָאצְן, עֶר נֶעמְט נִישְׁט אַרוֹיס זַיין בּוּךְ, מֵיינְט עֶס נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה, וֶוער זָאגְט אַז מֶען דַארְף דָאס בַּאמֶערְקְן? אָדֶער אַז אַ קִינְד צוּלַאכְט זִיךְ - דַארְף מֶען דָאס אוֹיךְ נִישְׁט אֵייבִּיג בַּאמֶערְקְן. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען בַּאמֶערְקְט אוֹיף אַ זַאךְ אַז דָאס אִיז חוּצְפָּה דַארְף מֶען דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן וַוייל דֶרֶךְ אֶרֶץ מוּז זַיין.

## וֶוער זָאגְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ מְחוּצָף?!

מַיין מַאמֶע הָאט מִיךְ אֵיינְמָאל דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הָאט אַמָאל אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה וַוייל עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ בִּילְד פוּן זַיין מַגִיד שִׁיעוּר, נִישְׁט מִיט אַ טֶעלֶעפָאון נָאר מִיט אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ קֶעמְרֶע,

## שמועסים אין חינוך

מיטוואך פרשת ויצא, שנת תשפ״ג - וויליאמסבורג יע״א

• פארוואס דארף מען א שולע?

דער מגיד שיעור איז געווארן ווילד, ער האט אנגעהויבן שרייען אויפ'ן בחור: **"מחוצף"**, ער האט אים געגעבן פעטש, און ארויס געווארפן פון ישיבה, מיין מאמע האט מיר געפרעגט: **"וואס זאגסטו צו דעם?"** האב איך איר געזאגט: ווען עס וואלט געשען מיט מיר וואלט איך געזאגט פאר'ן בחור: **"מעק אויס דעם בילד, און טו עס נישט נאכמאל"**, ווער זאגט אז מען דארף עס מאכן פאר חוצפה?! אבער אויב דער מגיד שיעור האט עס שוין אנגערופן 'חוצפה', דארף מען זיך איינבייגן דעם קאפ און גיין איבער בעטן דעם מגיד שיעור, אז דער בחור זאל זיין דרך ארץ'דיג אין ישיבה.

איך בין זייער דאנקבאר פאר אלע מלמדים און איינגעשטעלטע אז מען לייגט אריין אמונה אין די קינדער; איך באקום אלץ גוטע גריסן אויף ענק, און אויב איך רעד אביסל שארף און שטרענג איז עס נאר צו מחזק זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן אסאך הצלחה, אמן.

## בריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט״א

### וואס טו איך מיט מיין בחור וואס מאכט מיר אוועק כסדר?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

איך האב א פראבלעם וואס שטערט מיך זייער, מיין זון - אן ערוואקסענער בחור - שרייט אויף מיר און קריטיקירט מיך אויף יעדע קליינע זאך, וואס ער קען טרעפן אז איך פיר זיך עפעס נישט אויף ווי די הלכה איז לויט זיין פארשטאנד, וועט ער מיר גלייך פארהאלטן, און ער האלט מיך אין איין אוועקמאכן. איך שפיר ווי איך האלט עס נישט אויס, וואס טו איך?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ברכה, י״ג תשרי, שנת תשפ״ב לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

האסט זיך אביסל צו שפעט אויפגעוועקט; חינוך הייבט זיך אן ווען די קינדער זענען גאר קליין, ווען זיי זענען צוויי יאר, דריי יאר, פיר יאר - דעמאלט איז צייט זיי אויסצולערנען ווי אזוי מען רעדט צו טאטע מאמע.

זייער אסאך מאכן דעם טעות, מען לאזט די קליינע קינדער אויפוואקסן קרום, מען לאזט זיי ענטפערן די עלטערן מיט חוצפה, מען זאגט 'יעצט זענען זיי נאך קליין, מען דארף זיי נישט מחנך זיין', און שפעטער ווען די קינדער וואקסן אויף - האט מען צער פון זיי.

אויב דו האסט נאך קליינע קינדער זאלסטו שוין אנהייבן זיי מחנך זיין ווי אזוי מען רעדט צו טאטע מאמע; שלמה המלך זאגט (משלי כג, יג-יד): "אל תמנע מנער מוסר", האלט זיך נישט צוריק פון זאגן מוסר פאר דיין קינד ווען ער איז יונג, "כי תכנו בשבט, לא ימות", האב נישט מורא אים צו שלאגן, ער וועט נישט שטארבן פון א פאטש, "אתה, בשבט תכנו", דו זאלסט אים שלאגן, "ונפשו, משאול תציל", אזוי וועסטו אים ראטעווען פון גיהנום.

יונגע קינדער דארף מען מחנך זיין צו פאלגן טאטע מאמע, קינדער דארפן וויסן אז א טאטע זאגט יא איז יא, אז א מאמע זאגט ניין איז ניין, און אז דאס קינד פאלגט נישט - געבט מען קליינע פעטשעלעך, אזוי ראטעוועט מען דאס קינד פון שלעכטס, אזוי וואקסן זיי אויף געזונט.

יעצט מיט דיין בחור איז שוין אביסל שפעט, יעצט דארפסטו שוין ארבעטן מיט חכמה; ווען ער פירט זיך אויף נישט דרך ארץ'דיג זאלסטו אים זאגן: "מען טאר נישט אזוי רעדן צו א טאטע".

גרינגער וועט דיר זיין זיך אנצונעמען פאר דיין ווייב; ווען דו הערסט אים רעדן נישט שיין צו דיין ווייב, זאלסטו אים באמערקן דערויף און זאגן: "מען קען נישט רעדן אזוי צו מאמי", און דיין ווייב וועט דיר העלפן, ווען זי הערט ווי ער רעדט צו דיר נישט שיין וועט זי אים זאגן: "מען קען נישט רעדן אזוי צו טאטי"; אין יעדע פאל זאלסטו אים זאגן: "מען קען נישט רעדן אזוי צו א טאטע".

חינוך איז פון די העכסטע זאכן ביי אידישע קינדער; ווען מען זעט זיך מיט קינדער מחוצפים, עזות פנימ'ער - ווייסט מען נישט ווער איז דער פראבלעם, רוב מאל איז דאס די עלטערנ'ס פראבלעם, זיי האבן נישט מחנך געווען די קינדער, און ווען מען זעט קינדער בעלי דרך ארץ - איז די קרעדיט די עלטערנ'ס.

שלמה המלך זאגט (משלי יג, א): "בן חכם", א קלוג קינד, "מוסר אב", איז ווייל ער האט א טאטע וואס האט אים געלערנט ווי אזוי זיך צו פירן, "ולץ", און קינדער וואס זענען לצים, "לא שמע גערה", איז ווייל זיי האבן נישט געהערט קיין געשריי, נאך זאגט ער (שם כב, טו): "אולת, קשורה בלב נער", קינדער זענען צוגעבינדן מיט נארישע נאטורן, "שבט מוסר, ירחיקנה ממנו", מיט שטראף נעמט מען אוועק די נארישקייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א פרייליכן יום טוב.

...

(עצתו אמונה פרשת וירא תשפ״ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876